# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:07
מוצאי שב"ק....................9:38

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......דברי הימים-א' י"ח-י"ט
בבלי..........................כתובות י'
ירושלמי.....................סנהדרין ח'
תוספתא.........................נדה ג'
רמב"ם................נזקי ממון י"ג

פרשת בלק, י"ז תמוז, אבות פרק ו', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 46 (561)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל, ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

בֶּאֱמֶת גֵייעֶן דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִּיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְט וֶועט עֶר וִויסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס וָואס מְ'הָאט, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, נִישְׁט וֶוערְן נָאר דֶערְבִּיטֶערְט אַז דָאס אוּן יֶענְץ אִיז נִישְׁט גוּט, וַוייל וֶועט מְ'קוּקְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים, וֶוערְט מֶען טְרוֹיעֶרִיג אוּן אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אוֹיךְ נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, מְ'אִיז דַן יֶעדְן לְכַף חוֹב.

פַארְקֶערְט, וֶוען מְ'זֶעט נָאר דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דֶער מֹחַ וֶועט וֶוערְן מְיוּשָּׁב, אוּן מְ'וֶועט אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גוּטְס אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אַרוּם זִיךְ, מְ'וֶועט יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן בְּרֶענְגֶען אַז יֶעדֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן נָאר גוּט אוּן וואוֹיל.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מִיר טְרֶעטְן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְוִוישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב; מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי צַייט אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַּארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְּצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפְן אוּן הֶפְקֵר, מֶען נֶעמְט עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט "וַואטְס-עֶפּפּ", דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַנְטְלוֹיפְט פוּן זַיין לֶעבְּן. טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ אִיז אוֹיךְ שֶׁעדְלִיךְ וֶוען מֶען נוּצְט דָאס אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּנֶעם לֶעבְּן; אִיךְ זֶע בַּיי בָּחוּרִים, וִוי נָאר זֵיי בַּאקוּמֶען אַ טֶעלֶעפָאן - שְׁרַייבְּן זֵיי זִיךְ אַיין אוֹיף גְרוּפְּס, עֶס גֵייט אַוֶועק דִי טָאג, דִי קָאפּ אוּן דִי מֹחַ, מֶען וֶוערְט אַ קְנֶעכְט פַארְ'ן טֶעלֶעפָאן.

אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן וַואטְס-עֶפּפּ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר קַאר סֶערְוִויס - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, קֶענְסְט דָאס הָאבְּן, אָבֶּער זָאלְסְט זֶען נָאר צוּ הָאבְּן דִי אֵיינֶע קָאנְטַאקְט, דִי אֵיין גְרוּפּ אוּן נִישְׁט מֶער. אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן נָאךְ קָאנְטַאקְטְס; דֶער וֶועט דִיר שִׁיקְן נָאר אֵיין בִּילְד, אַ צְוֵוייטֶער וֶועט דִיר שִׁיקְן נָאר אַ גֶענֶעץ אוּן אַ דְרִיטֶער אַ סְנִיס - בִּיסְטוּ פֶערְטִיג, בִּיסְטוּ פַארְקְנֶעכְטֶעט, דַיין וַוייבּ אַן אַלְמָנָה אוּן דַיינֶע קִינְדֶער יְתוֹמִים.

(עצתו אמונה חקת תשפ"ב)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיךְ?



*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ נֶעם דִי קוּרַאזְשׁ צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם פָאלְגֶנְדְן בְּרִיוו, כָאטְשׁ וָואס אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁט שֵׁיין אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ זָאגְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אָבֶּער דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן אָפְנְהַארְצִיג וָואס עֶס טוּט מִיר בְּאֱמֶת וֵויי, וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר אִין לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דָאס אִיז וָואס הָאט מִיר גֶעפֶעלְט, אוּן פֶעלְט מִיר נָאכְאַלְץ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ טַאטֶע אָדֶער רָב מִיט וֶועמֶען אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּן דוּרְכְרֶעדְן וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ אוּן יֶענֶער זָאל מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, נִישְׁט אַלֶעס פַארְדֶעקְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַזוֹי וִוי אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פֵיין.

אוּן יֶעצְט צוּם עִנְיָן; דִי חוֹבוֹת, אָרֶעמְקֵייט, נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט אוּן פַּרְנָסָה, פִירְט מִיר מַמָשׁ אַרָאפּ פוּן זִינֶען.

אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז דָאס דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, סֵיי אַ וָואךְ וָואס אִיךְ בִּין יָא מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן סֵיי אַ וָואךְ וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאבּ אִיךְ סֵיי וִוי אַלְץ נָאר שָׁאדְנְס אוּן חוֹבוֹת; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין נָאר הֵיילִיג, זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אַרְבֶּעטְן אוֹיף קְדוּשַׁת הַבְּרִית, אַרְבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מוֹיל, זֶע אִיךְ נִישְׁט אַז סְ'זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען אָדֶער שְׁטִיצְן דִי בָּארְד, זֶעט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיס אַז סְ'זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען צִינוֹרוֹת פוּן פַּרְנָסָה; אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, אִיר מְכַבֵּד זַיין, זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִיר צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, בְּרֶענְגְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן עַשִׁירוּת.

בַּיי מִיר גֵייט עֶס נָאר אַז אָדֶער גֵיי אִיךְ אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן אַכְט נַיין שָׁעָה אַ טָאג, אוּן דֶעמָאלְט לָאז אִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּ מַיין עֲבוֹדַת ה', אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט פַאר דִי טֶעגְלִיכֶע אוֹיסְגַאבְּן אוּן צוּ צָאלְן חוֹבוֹת; אָדֶער זָאל אִיךְ וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִים, מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער אוֹיךְ בְּלַייבְּן אָנְגֶעזֶעצְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע וֶוערְן, אוּן וַוייטֶער אָן קַיין גֶעלְט אָנְצוּגֵיין; אַ לֶעבְּן וָואס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְד.

וֶוען אִיךְ פַאל אַרַיין אִין דֶעם פְּלָאנְטֶער פוּן חוֹבוֹת, גֶעלְט, אוּן פַּרְנָסָה, אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס קֶען מִיר מַאכְן פְרֵיילִיךְ. וֶוען אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן דִי שִׂמְחָה וָואס מִיר עֶרְוַוארְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, וֶוערְט מִיר נָאךְ מֶער בִּיטֶער אוֹיפְ'ן הַארְץ, עֶס וֶועט מִיר נָאךְ מֶער שְׁוֶוערֶער וֶוערְן מִיט

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים בְּרֶענְגֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א', ג') כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדֵף - יָ-ה", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א', א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

## פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז יִרְמְיָה הַנָבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה" (יִרְמְיָה א', י"א). זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְ'ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין פַאמִילְיֶע לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין וָואלְטְשִׁיסְק, אַ וֶועג פוּן 130 קִילָאמֶעטֶער, צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם.**

**תקכו**

אִינְמִיטְן וֶועג, נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג פָארְן, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אֵיין פַארְנַאכְטְס צוּ עֶפֶּעס אַ גַאסְטְהוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אָפְּרוּעֶן.

דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק פוּן טְשֶׁערִין, וָואס אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן צוּ דִי חֲתוּנָה, אַז עֶר זָאל צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן אוּן רוּפְן דֶעם גוֹי'אִישְׁן בַּעַל עֲגָלָה, וַוייל עֶר וִויל אַבִּיסְל פָארְן שְׁפַּאצִירְן.

ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק הָאט זִיךְ צוּגֶעאַיילְט צוּ טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס ווִילְן, עֶר הָאט אַלֶעס צוּגֶעגְרֵייט וִוי מֶען דַארְף, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועגְן צוּזַאמֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק עֶר זָאל הֵייסְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה צוּצוּבִּינְדֶען דִי שְׁטְרִיק פוּן דִי פֶערְד גְלַייךְ צוּם וָואגְן, עֶר זָאל נִישְׁט הַאלְטְן דִי שְׁטְרִיק אִין דִי הֶענְט וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, נָאר עֶר זָאל לָאזְן דִי פֶערְד גֵיין אַלֵיין וואוּ זֵיי ווִילְן.

פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע נֶעפְּל אוּן טוּנְקְלְקֵייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעדֶעכְט אוּן טוּנְקְל אַז ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען דֶעם רֶבִּי'ן כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעזֶעסְן גְלַייךְ נֶעבְּן אִים אוֹיפְ'ן וָואגְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי פֶערְד גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם וָואגְן פַאר אוּמְגֶעפֶער אַ שָׁעָה צְוֵויי, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען

<<<<<<

צוּ אַ גֶעוִויסֶע אוּמְבַּאקַאנְטֶע שְׁטָאט, אוּן דִי פֶּערְד הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ גַאסְטְהוֹיז אָן אַ דַאךְ. דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרָאפּ פוּן וָואגְן אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין דֶעם הוֹיז.

דֶער מְשָׁרֵת וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען הָאט זֵיי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט גְלַייךְ צוּגֶעגְרֵייט אַ צִימֶער פַאר'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אוּן ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיטְ'ן מְשָׁרֵת אִינֶעם גְרוֹיסְן צִימֶער.

אֵיידֶער דֶער רֶבִּי אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען לֵייגְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים צוּגְרֵייטְן עֶפֶּעס עֶסְן פַאר נַאכְטְמָאל, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָרָאפְּלֵייגְן בִּיז וֶוען דִי נַאכְטְמָאל וֶוערְט גְרֵייט.

וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט קָאכְן אוּן צוּגְרֵייטְן דָאס עֶסְן, הָאט דִי דִינְסְט גֶעזָאגְט פַאר'ן מְשָׁרֵת אַז אַלֶעס אִיז גְרֵייט, אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק אַז עֶר זָאל גֵיין אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים רוּפְן צוּ עֶסְן נַאכְטְמָאל. דֶער מְשָׁרֵת הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דֶער רֶבִּי אִיז, אוּן ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק הָאט אַלֵיין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל אוֹיסְזָאגְן וֶוער עֶר אִיז. ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְוֶועקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן מְשָׁרֵת, "אוֹיבּ ווִילְסְטוּ, קֶענְסְטוּ אַלֵיין גֵיין אִים אוֹיפְוֶועקְן", דֶער מְשָׁרֵת הָאט גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי עֶר זָאל אִים רוּפְן, הָאט אִים ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִים רוּפְן, "אִיד, אִיד, שְׁטֵייט אוֹיף עֶסְן וֶועטְשֶׁערֶע".

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט פוּן שְׁלָאף, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט דָארְט עֶסְן, עֶר הָאט נָאר זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק זָאל בַּאצָאלְן פַאר דִי נַאכְטְמָאל וָואס זֵיי הָאט אָנְגֶעגְרֵייט, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וָואגְן צוּזַאמֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן ווִידֶער גֶעהֵייסְן אַז דֶער גוֹי זָאל צוּבִּינְדֶען דִי פֶערְד גְלַייךְ צוּם וָואגְן אוּן לָאזְן דִי פֶערְד גֵיין אַלֵיין, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם עֶרְשְׁטְן גַאסְטְהוֹיז פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז מַכִּיר טוֹב פַאר'ן מְשָׁרֵת אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט.

בְּדֶרֶךְ אַגַב אִיז ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם שְׁטָאט וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן, וָואס דֶער שְׁטָאט אִיז גָאר וַוייט פוּן דָארְט, הוּנְדֶערְטֶער קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן.

**תקכז**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעפָארְן אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע שַׁיָרָה, דִי מִשְׁפָּחָה אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, צוּם שְׁטָאט וָואלְטְשִׁיסְק אוֹיף דִי חֲתוּנָה.

פַאר'ן גֵיין צוּ דִי חוּפָּה הָאט דֶער מְחוּתָּן, הרה"ק מִוָואלְטְשִׁיסְק זי"ע, זִיךְ מַזְכִּיר גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים אִינְזִין הָאבְּן בַּיי דִי חוּפָּה, וַוייל עֶר הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט דִי אוֹיגְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ וֵייס, אִיךְ וֵייס אַז דוּ הָאסְט שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן. וָואלְסְטוּ גֶעהַאט גוּטֶע אוֹיגְן, וָואלְסְטוּ גֶעפָארְן צוּ מִיר אוֹיף דִי חֲתוּנָה, נִישְׁט אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט פָארְן צוּ דִיר!"

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"



פַּרְנָסָה. אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ ווִי אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע, אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן זִינֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶועג זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן אוּן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וֵייס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ מִיר, אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס; ווִי עֶס זֶעט אָבֶּער אוֹיס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ מִיר, כִּבְיָכוֹל, צוּ גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח פַאר עֶפֶּעס אַ פַארְוָוארְפֶענֶער אִינְגֶערְמַאן; הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיר?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, מְחַזֵק זַיין, אוּן וַוייזְן אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

... פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, ... בַּארוּאִיג זִיךְ; אַ אִיד טָאר נִישְׁט אַזוֹי שְׁרַייבְּן, חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס.

וֶוען אַ אִיד טוּט מִצְוֹות – גֶעבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטְס; דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, נִישְׁט נָאר פַּרְנָסָה – נָאר אַלֶעס, מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים. הִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה. בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט מֶען דִי פַּרְנָסָה. רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, עֶס בְּרֶענְגְט עֲשִׁירוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא, נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ", זַייט מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, "כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", אַזוֹי וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן.

אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער – זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָנְהֶענְגֶען אִין דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זָאגְן (תְּהִלִּים כה, יח): "'רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק מַיין פַּיין, קוּק מַיין צַעַר, 'וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי', אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד"; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (אַגְרָא דְּפִרְקָא, אוֹת קכד) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַ צָרָה זָאל עֶר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי, קוּק צוּ מַיין פַּיין, מַיין פְּלָאג; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעקְוֶועטְשְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין צַעַר, וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי אוּן פַארְגֶעבּ מִיר מַיינֶע זִינְד, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל פַּיין פוּן גֵיהִנּוֹם".**

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, וָואס עַד הַיּוֹם לֶעבּ אִיךְ מִיט דִי מַעֲשֶׂה; דָאס בַּאגְלֵייט מִיר אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אִיךְ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ – הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע דַּחְקוּת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל; בְּנוֹסָף לָזֶה הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁוֶועֶרֶע פְרוֹי, זִי הָאט אִים גֶעגֶעסְן דִי קִישְׁקֶעס, זִי הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ עֶסְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער; טָאג אוּן נַאכְט הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער. אֵיין טָאג אִיז דֶער צַדִּיק גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר קֶען מֶער נִישְׁט, עֶר הָאט גֶעוֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט, אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין אֵיינֶער אַלֵיינְס.

עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ ווִי זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אִין דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע גֵיהִנּוֹם אוּן עֶר זֶעט ווִי דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים פַּיינִיגְן זִיךְ, דָארְט הֶערְט מֶען קוֹלוֹת, עֶס טוּט זִיךְ אַ גֶעשְׁרֵיי. דֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ אוּן זָאגְט אִים: "זוּשָׁא דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶועֶרֶע וַוייבּ אוּן אָרֶעמְקֵייט, דָאס אִיז שׁוֹין גֶענוּג; פַאר דִיר אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אַ פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן וָואס (יְשַׁעְיָה סד, ג) 'עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ'".

וֶוען רֶבִּי זוּשָׁא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל מַיין וַוייבּ מִיר גֶעבְּן ווִיפִיל בִּזְיוֹנוֹת עֶס גֵייט, זָאל מִיר אַלֶעס גֵיין שְׁוֶוער – פָארְט ווִיל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן מִיט דִי צַעַר פוּן גֵיהִנּוֹם'.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער – זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע טֶעג אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מְבַטֵּל תּוֹרָה וּתְפִלָּה – דָאס אִיז יִסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה, דָאס אִיז אַ מִזְבֵּחַ כַּפָּרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שָׁם) רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "לְעַיֵּין מָר בְּמִילֵּיהּ", עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן, הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חֲשִׁידְנָא בְּעֵינַיְיכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּעָבֵיד דִּינָא בְּלָא דִּינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט?

זַיי וַוייטֶער שְׁטַארְק צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, זַיי שְׁטַארְק מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן לֶערְנֶען

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

מִשְׁנַיוֹת, זַיי וַוייטֶער שְׁטַארְק מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר – וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

לֵייג אַוֶועק דַיין שְׁאֵלָה אוּן וַוארְט אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן פַאר אַלֶעמֶען: "נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען פַּרְנָסָה", "נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען לֶעבְּן", אוּן מֶען הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ אִיז דַיין גֶעלְט...?" עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בָּארְגְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶער עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (בְּרֵאשִׁית יח, לג): "וְאַבְרָהָם שָׁב לִמְקֹמוֹ", אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יג, ג): "וַיֵּלֶךְ לְמַסָּעָיו", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מא, ג): "הָלַךְ לִפְרֹעַ הַקָּפוֹתָיו", עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאצָאלְן יֶעדְן אֵיינֶעם; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (חֲתַם סוֹפֵר עַל הַתּוֹרָה פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיֵּלֶךְ) חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז דָא, אַז נִישְׁט נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאצָאלְן זַיינֶע חוֹבוֹת, נָאר וואוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען הָאט עֶר צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוער עֶס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גֶעלְט, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים: "וואוּ אִיז דַיין גֶעלְט? וָואס רֶעדְסְטוּ אִין דִי לוּפְט וְכוּ'?!" אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעוִויזְן זַיין רַייכְטוּם, הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶען אַז נָאר וֶוער עֶס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט אַ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# קול תורה הילכט אפ בין כותלי הישיבה אין שטעטל

דער זומער האט זיך אנגעהויבן בין כותלי הישיבה אויף גאר א שטארקע פארנעם, די בחורים דאווענען און לערנען מיט גרויס חשק און התמדה, דער ראש ישיבה שליט"א גייט ווייטער אן מיט די הערליכע דרשות, מיט וואס די בחורים זענען זיך מחי׳ און מחזק, און די דרשות גייען אויך ארויס אויף דער וועלט פון וואס פילע צענדליגע טויזנטער אידן שעפן חיזוק און הדרכה אנצוגיין אין לעבן, זיך שטארקן אין אלע מצבים, האבן דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן אין די היינטיגע שווערע וועלט וואס איז פול מיט אזויפיל שוועריקייטן און נסיונות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

אין די לעצטע צוויי יאר, ווען די ישיבה האט זיך געפונען אויף זומער אין ברסלב ליבערטי, האבן די בחורים געלערנט אין די גרויסע שול אויף די האשקי גאס, און דארט איז אויך פארגעקומען די טעגליכע שיעורי תורה און התחזקות דורכ׳ן ראש ישיבה שליט"א. דאס יאר האט מען אבער אנדערש אויסגעשטעלט, אזוי ווי דער שטעטל האט זיך גאר שטארק פארברייטערט, און די שול ווערט גענוצט א גאנצן טאג פאר מנינים שחרית מנחה מעריב, שיעורי תורה, ווי אויך איז דארט אוועקגעשטעלט דער כולל היכל הקודש, דעריבער האט מען נישט געוואלט שטערן די געוועגליכע סדר היום אין שול פון א גאנץ יאר, און דערפאר האט מען אויפגעשטעלט א באזונדערע שול פאר די בחורים, וואס דארטן דאווענען און לערנען די בחורים אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א א גאנצן טאג, און בייטאכט קומט אויך דארט פאר די טעגליכע שיעור התחזקות, צו וואס עס קומען צו גיין אויך פילע אינגעלייט, סיי פון שטעטל און סיי פון ווייטערע פלעצער, זיך מחזק צו זיין מיט עצות און לימודים פון הייליגן רבי׳ן.

דאנערשטאג נאכט געבט דער ראש ישיבה שליט"א א שיעור פאר אינגעלייט, דער שיעור ווערט יא פארגעלערנט אינעם גרויסן שול אויף האשקי, און מען האט אראפגערוקט דעם שיעור אויף נאך מעריב, אזוי אז עס זאל נישט שטערן די סדר התפלות אין שול.

יעדן טאג קומען פאר פרישע סיומים דורך די חשובע בחורים וואס זענען זוכה צו לערנען און מסיים זיין נאך און נאך, ווי א פיש אין וואסער וואס לעכצט נאך א פרישע טראפ וואסער, ווערן די בחורים נישט זאט פון נאך בלעטער גמרא, פרקים משניות, קאפיטלעך תהלים, און אזוי ווייטער יעדער מיט זיינע שיעורים, זענען זיי זוכה אריינצוכאפן גאר אסאך תורה און תפלה, וואס דאס איז די פאסיגסטע הכנה צו די הייליגע טעג וואס דערנענטערן זיך שוין באלד, ווען מיר וועלן זוכה זיין צו פארן צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה, און מיטברענגען דארט שיינע מתנות, די פילע תורה און תפלה וואס מען האט אריינגעכאפט אין לויף פון די זומער וואכן.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

***

# אומאן ראש השנה דערמאנונג:

# ס׳איז צייט צו טשעקן די פאספארטן

**קרעדיט: מו"ה אלי קנאלל הי"ו - פלען איט רייט 845-678-3555**

ווי די געזעץ לויטעט אין רוב מדינות, דארף דער פאספארט זיין גילטיג אויף נאך זעקס חדשים בשעת מען קומט אריין אין א לאנד. דערפאר איז יעצט די צייט איבערצוקוקן די פאספארטן און אויב לויפט עס אפ בעפאר אפריל 2023 למספרם, איז יעצט די ריכטיגע צייט אריינצוגעבן צו מאכן א פרישן פאספארט, אזוי ווי מען דערנענטערט זיך שוין מער און מער צום הייליגן רבינ׳ס ראש השנה.

דער אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט זאגט אז די ווארט צייט צו באקומען א פאספארט אין די יעצטיגע טעג שטייט ביי "צווישן 8 און 11 וואכן". דאס מיינט אז אויב מען אפלייעט יעצט, קען עס בעזרת השם אנקומען פונקט אין צייט. פאר נאך זעכציג דאלער שטעלן זיי צו "עקפעדייט פאספארט סערוויס", וואס דאס איז ערווארטעט צו דויערן צווישן 5 און 7 וואכן. אזוי אז אויב מאכט זיך סיי וועלכע פראבלעם, קען מען עס נאך בעז"ה מסדר זיין פאר ראש השנה.

ברוך ה׳ אז די פלענער וואס מיר האבן ארויסגעשטעלט פון "פלען איט רייט" עטליכע וואכן צוריק האט געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג, און אנשי שלומינו האבן זיך זייער געפרייט צו באקומען א שטיקל קלארקייט איבער וואס מען קען יא אדער נישט ערווארטן פאר׳ן קומענדיגן ראש השנה. דערווייל איז נאכנישט דא קיין פרישע אפדעיטס איבער די טשארטער, אדער די טראנספארטאציע מיט׳ן באן, און אזוי ווייטער. די שטאב פון "פלען איט רייט" זענען שטארק פארנומען אין די טעג צו באשטעטיגן און אויסארבעטן די פילע דעטאלן פון די אלע פלענער.

אין די לעצטיגע טעג איז פארעפנטליכט געווארן א מעלדונג פונעם אוקריינישער אמבאסאדאר אין ארץ ישראל, אין וואס ער שרייבט אז ווי עס זעט אויס וועט מען נישט קענען פארן קיין אומאן אויף דעם קומענדיגן ראש השנה, און ער בעט אז ברסלב׳ע חסידים זאלן מתפלל זיין אז די מלחמה זאל ענדיגן בעפאר ראש השנה, און אזוי וועט מען יא קענען פארן.

פאקטיש האט זיך אבער גארנישט געטוישט יעצט לגבי דעם ענין. אזוי ווי ביז יעצט, קען מען נאכאלץ דערווייל נישט אריינפארן קיין אוקריינע מיט א ציווילע פליגער, און מען קען דערווייל יא אריינפארן מיט א קאר, באס, אדער באן, דורך אנדערע לענדער, און מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף וועט מען קענען זיין אויף ראש השנה אין אומאן ביים הייליגן רבי׳ן, און פועל׳ן א גוט געבענטשט יאר.

אנשי שלומינו זאלן ווייטער מתפלל זיין צום אייבערשטן, אז אלעס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב, מען זאל קענען פארן און קומען געזונטערהייט, און אויס׳פועל׳ן פאר זיך, פאר די משפחה, און פאר גאנץ כלל ישראל, אלעס גוטס.

**מיט תפלה, מיט תפלה, ניסים וועסטו זען!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו

חבר הנהלת הקהלה

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **מנחם מענדל שימשאוויטש** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## א משוגענער

**א פיינער געלונגענער מענטש, קען זיך צומאל אויפפירן ווי א טאטאלער משוגענער; ווי אזוי האלט מען זיך אויף די גלייכע נארמאלע רעלסן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 47**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**